


אייגנס




ОБУВЬ


5
יאר
מלוכישער
אידישער
קאמער
טעאטער

# 1917

En pleine Grande Guerre, révolutions russes de février et d'octobre. Fin de l'Empire tsariste. Abolition de la Zone de résidence et d'autres lois restrictives concernant les Juifs. Début de la guerre civile.

Création de la République populaire ukrainienne (1917–1921) dont le yiddish est l'une des langues officielles.

Progressivement, création d'institutions culturelles yiddish.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה קומען פֿאָר די פֿעברואַר־רעוואָלוציע און די אָקטאָבער־רעוואָלוציע. סוף פֿון דער רוסישער אימפּעריע. דער תּחום־המושבֿ און אַנדערע אַנטי־ייִדישע געזעצן ווערן אָפּגעשאַפֿן. אָנהייב פֿונעם בירגערקריג.

אַנטשטייונג פֿון דער אוקראַיִנישער פֿאָלקס־רעפּובליק (1917-1921), וווּ ייִדיש איז איינע פֿון די אָפֿיציעלע שפּראַכן.

בהדרגהדיק ווערן געשאַפֿן ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס.

# 1918

Création de la Yevsektsia, section juive du parti communiste.

À Kiev, création de la Kultur-Lige, organisation qui promeut la culture yiddish dans différents domaines. Le Groupe de Kiev publie le premier numéro de l'almanach d'avant-garde *Eygns* (À soi/À nous, Kiev). À Petrograd, le metteur en scène Alexandre Granovski fonde le Kamer-teater (Théâtre de chambre). À Moscou, début de la publication du quotidien communiste *Der Emes* (La Vérité).

ס'ווערט געשאַפֿן די יעווסעקציע (די ייִדישע סעקציע פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי).

אין קיִעוו ווערט געשאַפֿן די קולטור־ליגע, מיטן ציל צו שטיצן די ייִדישע קולטור אין פֿאַרשיידענע תּחומים. די קיִעווער גרופּע גיט אַרויס דעם ערשטן נומער פֿונעם אַוואַנגאַרדיסטישן אַלמאַנאַך אייגנס (קיִעוו). אין פּעטראָגראַד גרינדט אַלכּסנדר גראַנאָווסקי דעם ייִדישן קאַמער־טעאַטער. אין מאָסקווע הייבט אָן אַרויסצוגיין די קאָמוניסטישע טאָגצײַטונג דער עמעס (דער אמת).

# 1919

Vague de pogroms sans précédent en Ukraine, qui durera jusqu'en 1921.

Publication de revues d'avant-garde yiddish illustrées par les artistes El Lissitzky, Issachar-Ber Ryback, Yoysef Tshaykov, entre autres. À Vitebsk, Marc Chagall est nommé directeur de l'école des Beaux-Arts.

אָנהייב פֿון אַ ריזיקער פּאָגראָמען־כוואַליע אין אוקראַיִנע (ביז 1921).

פּובליקאַציעס פֿונעם ייִדישן אַוואַנגאַרד מיט אילוסטראַציעס פֿון די קינסטלער ל. ליסיצקי, יששׂכר־בער ריבאַק, יוסף טשײַקאָוו א״אַ. אין וויטעבסק ווערט מאַרק שאַגאַל דער אָנפֿירער פֿון דער נײַער קונסטשול.

# 1920

À Moscou, création du GOSET, le Théâtre yiddish d'État, sous la direction d'Alexandre Granovski.

אין מאָסקווע ווערט געשאַפֿן דער ייִדישער מלוכה־טעאַטער מיט אַלכּסנדר גראַנאָווסקי ווי דער רעזשיסאָר.

# 1921

Début de la liquidation de la Kultur-Lige à Kiev. Plusieurs écrivains et artistes juifs soviétiques s'installent à Berlin.

אָנהייב פֿון דער ליקווידאַציע פֿון דער קיִעווער קולטור־ליגע. עטלעכע ייִדישע שרײַבער און קינסטלער באַזעצן זיך אין בערלין.

## 1924

לענינס טויט. אָנהייב פֿון סטאַליניזם.

קאַמפּאַניע קעגן דוד האָפֿשטיין נאָך זײַן אַרויסטריט קעגן די רדיפֿות אויף דער העברעיִשער שפּראַך.

Mort de Lénine. Début du stalinisme.

C ampagne contre le poète Dovid Hofshteyn qui s'est opposé aux répressions infligées à la langue hébraïque.

## 1925

סוף פֿון די אַקטיוויטעטן פֿון דער קולטור־ליגע אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. אַלכּסנדר גראַנאָווסקי רעזשיסירט דעם פֿילם ייִדישע גליקן, מיט שלמה מיכאָעלס אין דער הויפּטראָלע. ל. ליסיצקי און לייב קוויטקאָ קערן זיך אום פֿון דײַטשלאַנד אין ראַטן־פֿאַרבאַנד.

F in des activités de la Kultur-Lige en URSS. Alexandre Granovski réalise le film *Yidishe glikn* (Un Bonheur de Juif), a vec l'acteur Shloyme Mikhoels dans le rôle principal. El Lissitzky et Leyb Kvitko rentrent d'Allemagne en URSS.

## 1926

פּרץ מאַרקיש און דער נסתּר פֿאָרן צוריק אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. לויט דוד בערגעלסאָנס אַרטיקל „דרײַ צענטערן" איז דער ראַטן־פֿאַרבאַנד דאָס אײנציקע לאַנד וווּ די ייִדישע קולטור האָט אַ צוקונפֿט.

Les écrivains Perets Markish et Der Nister reviennent en URSS. Selon l'article « Dray tsentern » (Trois centres) de Dovid Bergelson, ce n'est qu'en URSS que la culture yiddish pourra se développer.

## 1928

די געגנט ביראָבידזשאַן ווערט אָפֿיציעל באַשטימט ווי אַ ייִדישער שטח.

La région du Birobidjan est officiellement destinée à l'établissement des Juifs.

## 1929

די יעווסעקציע ווערט אָפּגעשאַפֿן. לעצטע פּובליקאַציעס פֿון דעם נסתּרס סימבאָליסטישע דערציילונגען. אַ קאַמפּאַניע קעגן לייב קוויטקאָ. די פּאַרטיי־ליניע קריגט די פֿולע מאַכט איבער דער ייִדישער קולטור.

Démantèlement de la Yevsektsia. Dernières publications des nouvelles symbolistes de Der Nister. Campagne contre le poète Leyb Kvitko. La culture yiddish doit se soumettre à la ligne du Parti.

## 1930

ס'הייבט אָן דערשײַנען די צײַטונג ביראָבידזשאַנער שטערן (וואָס עקסיסטירט ביז הײַנט צו טאָג).

Parution du journal *Birobidzhaner shtern* (L'Étoile du Birobidjan, qui existe encore aujourd'hui).

## 1931

אָנהייב פֿון אַ ריי הונגער־כוואַליעס אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. די גרעסטע פֿון זיי, דער האָלאָדאָמאָר, אָרגאַניזירט דורך סטאַלינען, בושעוועט אין אוקראַיִנע (1933-1932).

אָנהייבן פֿון דער צענטראַליזאַציע פֿון דער ייִדישער קולטור אין ראַטן־פֿאַרבאַנד — פֿאַרלאַגן און אַנדערע רעגיאָנאַלע אינסטיטוציעס ווערן ביסלעכווײַז פֿאַרמאַכט.

Vagues de famine en URSS, dont la plus terrible, le Holodomor, organisé par Staline, frappera l'Ukraine (1932-1933).

Débuts de la centralisation de la culture yiddish en URSS, fermeture progressive des maisons d'édition et autres institutions régionales.

# 1934

Le réalisme socialiste devient le courant artistique officiel de l'URSS.

Création de l'oblast (région) autonome juif du Birobidjan, dont le yiddish est la langue officielle.

Dovid Bergelson rentre en URSS.

דער סאָצרעאַליזם ווערט די אָפֿיציעלע קונסטשטרעמונג אין ראַטן־פֿאַרבאַנד.

ס'ווערט געשאַפֿן אַן אויטאָנאָמע ייִדישע געגנט בירָאָבידזשאַן, מיט ייִדיש ווי די אָפֿיציעלע שפּראַך.

דוד בערגעלסאָן קערט זיך אום אין ראַטן־פֿאַרבאַנד.

# 1937

Les Grandes Purges orchestrées par Staline (1937-1938) touchent également le monde juif et la culture yiddish. Plusieurs anciens membres de la Yevsektsia, ainsi que les écrivains Moyshe Kulbak, Izi Kharik et les critiques Moyshe Litvakov et Avrom Abtshuk sont arrêtés et assassinés. Fermeture de la majorité des institutions culturelles de langue yiddish qui subsistaient encore.

סטאַלינס „גרויסע רייניקונגען" (1938-1937) טרעפֿן אויך ייִדן און די ייִדישע קולטור. עס ווערן אַרעסטירט און דערשאָסן עטלעכע געוועזענע מיטגלידער פֿון דער יעווסעקציע, ווי אויך די שרײַבער משה קולבאַק, איזי כאַריק, און די קריטיקער משה ליטוואַקאָוו און אַבֿרהם אַבטשוק. ס'רובֿ פֿון די נאָך עקסיסטירנדיקע ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס ווערן פֿאַרמאַכט.

# 1938

Fermeture du journal *Der Emes*.

די צײַטונג דער עמעס ווערט פֿאַרמאַכט.

# 1939

Janvier : Perets Markish est décoré de l'ordre de Lénine. Août : signature du pacte germano-soviétique. Le 17 septembre, annexion par l'URSS de la partie orientale de la Pologne. Vague de réfugiés juifs de Pologne à la suite de l'invasion allemande le 1er septembre. Au moment de l'annexion de Vilnius par l'URSS, arrestation du critique Zalmen Reyzen (exécuté par les soviétiques en 1941).

Le tome 1 du roman *Di mishpokhe Mashber* (La famille Mashber) de Der Nister paraît à Moscou.

אין יאַנואַר קריגט פּרץ מאַרקיש דעם לענין־אָרדן. אין אויגוסט: אָפּמאַך צווישן דײַטשלאַנד און ראַטן־פֿאַרבאַנד. דעם 17טן סעפּטעמבער: סאָוועטישע אַנעקסיע פֿונעם מיזרחדיקן טייל פּוילן מיט זײַן ייִדישער באַפֿעלקערונג. כוואַליע ייִדישע פּליטים פֿון פּוילן נאָכן דײַטשישן אָנפֿאַל דעם 1טן סעפּטעמבער. בעת דער סאָוועטישער אַנעקסיע פֿון ווילנע, אַרעסט פֿונעם קריטיקער זלמן רייזען (דערהרגעט אין 1941).

אין מאָסקווע גייט אַרויס דער ערשטער באַנד די משפּחה מאַשבער פֿון דעם ניסתּר.

# 1940

Vague de déportations au goulag des Juifs polonais refusant le passeport soviétique.

פּוילישע ייִדן וואָס נעמען ניט אָן קיין סאָוועטישן פּאַס ווערן סיסטעמאַטיש פֿאַרשיקט אין גולאַג.

## 1941

דעם 22סטן יוני: אָנפֿאַל פֿון נאַצי־דײַטשלאַנד. אָנהייב פֿונעם חורבן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד.

Le 22 juin, invasion allemande. Début du génocide des Juifs en URSS.

## 1942

עס ווערט געשאַפֿן דער ייִדישער אַנטיפֿאַשיסטישער קאָמיטעט, ווי אויך זײַן פּרעסע־אָרגאַן אייניקײַט (1948-1942).

Constitution du Comité antifasciste juif (CAJ) et de son organe, le journal *Eynikayt* (Unité, 1942-1948).

## 1948

דרײַ יאָר נאָכן סוף פֿון דער מלחמה, אָנהייב פֿון אַ נײַער כוואַליע רדיפֿות קעגן דער ייִדישער קולטור און אירע פֿאָרשטייער. דעם 13טן יאַנואַר ווערט דערהרגעט שלמה מיכאָעלס, דער פֿאָרזיצער פֿונעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט. אין סעפּטעמבער ווערט אַרעסטירט דוד האָפֿשטיין. אין נאָוועמבער ווערט ליקווידירט דער ייִדישער אַנטיפֿאַשיסטישער קאָמיטעט. ס'דערשײַנט מאַרקישעס פּאָעמע מלחמה. מע שטעלט אָפּ ייִדישע פּובליקאַציעס אין ראַטן־פֿאַרבאַנד (ביז 1958).

Trois ans après la fin de la guerre, début d'une nouvelle vague de persécutions contre la culture yiddish et ses représentants. 13 janvier : assassinat de l'acteur et metteur en scène Shloyme Mikhoels, président du CAJ. En septembre, arrestation de Dovid Hofshteyn. En novembre, liquidation du CAJ. Publication du poème épique *Milkhome* (Guerre) de Perets Markish. Arrêt des publications yiddish en URSS (elles ne reprendront qu'en 1958).

## 1949

יאַנואַר-פֿעברואַר: המשך פֿון מאַסן־אַרעסטן פֿון מיטגלידער פֿונעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט און אַנדערע ייִדישע קולטור־טוער.

Janvier-février : suite des arrestations massives de membres du CAJ et d'autres acteurs culturels yiddish.

## 1950

דעם 4טן יוני: דער ניסתּר שטאַרבט אין אַ לאַגער.

4 juin : Der Nister meurt au goulag.

## 1952

אין פֿרילינג: פּראָצעס פֿון 15 מיטגלידער פֿונעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט. דעם 12טן אויגוסט: 13 פֿון זיי ווערן דערשאָסן אין דער מאָסקווער לוביאַנקע־תּפֿיסה.

Printemps : procès de quinze membres du CAJ. 12 août : exécution de treize d'entre eux à la prison de la Loubianka à Moscou.

## 1953

דער מלוכישער אַנטיסעמיטיזם. יאַנואַר: באַשולדיקונגען וועגן אַ „פֿאַרשווערונג פֿון די ווײַסע כאַלאַטן". דעם 5טן מאַרץ: סטאַלינס טויט.

Antisémitisme d'État. Janvier : affaire du prétendu « complot des blouses blanches ». 5 mars : mort de Staline.

## 1955

די אומגעבראַכטע ווערן רעהאַביליטירט.

Réhabilitation des membres du CAJ exécutés.


פערעץ מארקיש
מילכאָמע




קאָנסטיטוציע
(גרונט־געזעץ)
פונעם
פאַרבאַנד סאָוועטישע
סאָציאַליסטישע רעפּובליקן
אָ ג י ז · מעלוכע־פארלאג „דער עמעס" · 1945


Издание Учпедгиза 1937 г.
קארטע
פון פּאָליטיש־אדמיניסטראטיווער טיילונג פון
פססר
1:22 000 000 מאסשטאב
(אין איין סאנטימעטער — 220 קילאמעטער)
220 0 220 440 660 880 קם.
די גרענעצן זיינען געגעבן אפן 1—X—1937


שאָלעם - אליי כעם
דער ליידיקגייער